B"H

all my CHILDREN
DAYCARE & NURSERY SCHOOL

## בס"ד. משיחת יום א' פ' שלח, י"ג סיון ה'תשל"ח
## - להמסיימות ד"בית רבקה" ולהמדריכות ד"מחנה אמונה" ו"פרדס חנה" תחיינה -
### הנחה פרטית בלתי מוגה

וואָס אַט אַזוי איז אויך בנוגע צו מחנכים און מחנכות, וואָס אין דעם פרט פון חינוך האָבן דאָך פרויען און מיידלעך אַ **טיפערן** צוגאַנג, אַ מער **האַרציגן** צוגאַנג, צו קינדער, ווי דאָס האָבן מענער,

איז אויך דאָ די דריי אָנווייזונגען, אָנהויבנדיק פון "הוי מתונים בדין", אַז בשעת מ'באַקומט אַ קינד וועלכן מ'דאַרף מדריך זיין און אויף וועלכן מ'דאַרף משפיע זיין – טאָר מען זיך ניט פאַרלאָזן אויפן ערשטן בליק און גלייך באַשליסן, אַז דאָס איז אַ קינד וואָס מ'דאַרף זיך מיט אים פירן אין אַ באַשטימטן אופן,

און טאָמער איז דער ערשטער בליק **ניט** קיין גוטער – דאַרף מען ניט גלייך מחליט זיין און באַשליסן, אַז מ'דאַרף זיך מיט אים פירן ביד קשה, מיט אַ שטאַרקער האַנט, און זאָ ווייטער, על דרך זה אויך אין דעם צווייטן צד, אַז מ'האָט דעם ערשטן בליק און מ'זעט אַז דאָ איז אַ **גוטער** קינד – זאָל מען ווייטער זיך ניט אַריינטראַכטן און גלייך באַשליסן, אַז מ'זאָל אים אַלץ נאָכגעבן, וואָרום מ'קען זיך אויף אים פאַרלאָזן זיך אויף זיין כאַראַקטער און אויף זיין אייגענעם שכל –

זאָגט מען, אַז די העכסטע וויכטיקייט און ערנסטקייט וואָס איז דאָ אין ערציאונג, פאָדערט דאָס, אַז איידער מ'באַשליסט ווי אַזוי מ'זאָל זיך פירן מיטן קינד און וואָס פאַר אַ "סקעדזשיול" – וואָס פאַר אַ סדר-היום – מ'זאָל פאַר אים איינשטעלן, און די אַלגעמיינע באַציאונג, צי זאָל זיין זייער שטרענג, אָדער אינגאַנצן נאָכגיביק, אָדער אין דרך המיצוע, איינע פון די צווישן די צוויי קצוות –

דאַרף זיין "מתונים בדין": מ'דאַרף זיך **אַריינלייגן** מיט דער גאַנצער נשמה אין אָפּשאַצן די נשמה פון דעם קינד, וואָס דער אויבערשטער האָט אָנפאַרטרויט זיין ערציאונג צו דעם מדריך און צו דער מדריכה,

און אָט דעמאָלט האָט מען די הבטחה, ווי געזאָגט פריער, "יגעת ומצאת", אַז באַ זיך באַשליסט מען, אַז מ'איז מתון בדין: מ'זשאַלעוועט ניט קיין צייט, מ'זשאַלעוועט ניט קיין "אַטענשאָן", קיין צוגעטראָגנקייט פון דער נשמה, די צוגעטראָגנקייט פון דער האַרץ, אויף אַריינטראַכטן זיך אין די געפילן און אין דעם כאַראַקטער און אין דער נשמה פון דעם קינד, איידער מ'באַשליסט ווי אַזוי מיט אים צו פירן זיך – האָט מען די בטחה "יגעת ומצאת", אַז מ'וועט געפינען די ריכטיקע נוועג, און דאָס וועט ברענגען צו דער ריכטיקער הצלחה אין דער ערציאונג פון דעם קינד.

וואָס "הוי מתונים בדין" האָט נאָך אַן אָפּטייטש: דער טייטש אין דערויף איז, אַז ניט נאָך דערויף וואָס מ'האָט שוין באַשלאָסן, נאָך אַ טיפע אַריינטראַכטונג, איז אַזוי בלייבט דאָס און מ'טאָר דאָס ניט ענדערן – נאָר אין דערויף גופא דאַרף מען זיין "מתון" און ניט געהײלט: אַ ס'גייט-דורך אַ שטיקל צייט, זאָל מען נאָכאַמאָל אַריינטראַכטן זיך, וואָס זיינען געווען די תוצאות – די רעזולטאַטן – פון דעם פירן זיך מיטן קינד אין דעם וועג ווי מ'האָט זיך געפירט די ערשטע צייט וואָס מ'האָט אים אונטער דער ערציאונג, און דעמאָלט נאָכאַמאָל קומען צו אַ באַשלוס צי מ'דאַרף עפּעס נאָך מוסיף זיין – צוגעבן – אָדער ענדערן, אָדער מ'קען אָנגיין ווי מ'האָט באַשלאָסן דעם ערשטן מאָל.

דערביי דאַרף מען אָבער באַוואָרענען "והעמידו תלמידים הרבה":

אַן ערציערין קען דאָך טראַכטן, אַז וויבאַלד אַז דאָס איז אַזאַ גרויסע אחריות, און וויבאַלד אַז מ'דאַרף זיך אין דערויף אַריינלייגן מיט דער גאַנצער נשמה און מיט דער גאַנצער האַרץ, און ניט-געהײלטערהייט אַריינטראַכטן זיך ווי אַזוי זאָל זיין די אויפפירונג מיט דער ערציאונג פון דעם קינד, איז כאָטש אפילו זי פאַרשטייט די העכסטע וויכטיקייט פון אַוועקשטעלן אַ אידיש קינד אויפן אמת'ן אידיש וועג – וועט זי זיך באַגנוגענען מיט **איין** תלמיד, מיט **צוויי** תלמידים, אָדער מיט **דריי** תלמידים.

זאָגט מען גלייך נאָך דערויף און נאָך דער אָנווייזונג פון "הוי מתונים בדין", אַז וויבאַלד אַז ס'איז דאָ קינדער וואָס האָבן נאָך ניט קיין אידישע ערציאונג – טאָר מען זיך ניט באַגרעניצן צו אַ באַשטימטע צאָל, און זאָגן, אַז די איבעריקע קינדער האָט צו איר קיין שייכות ניט, און זאָל זיך אַן אַנדערע דערמיט פאַרנעמען –

Printed on recycled paper

A Leader in Quality Education

allmychildrendaycare.com

all my CHILDREN
DAYCARE & NURSERY SCHOOL

זאָגט מען, אַז ס׳איז אויך דער אָנזאָג צוזאַמען דערמיט: ״העמידו תלמידים **הרבה**״, אַז כל זמן ס׳איז דאָ אַ אידיש קינד וואָס מ׳איז ניט זיכער, אַז ער האָט אַ אידישע ערציאונג **שוין**, אָדער אַז ער וועט האָבן אַ אידישע ערציאונג **מאָרגן**, במשך פון דעם זומער – ליגט אַן אָנווייזונג און אַ הייליקע שליחות פון תורתנו תורת חיים, אַז מ׳זאָל זיך אַריינלייגן, און ניט זשאַלעווען קיין טירחא און האַרציקייט און נשמה׳קייט, אויף אויפשטעלן די גרעסטע צאָל תלמידים וואָס מ׳קען אַריינעמען אין די ד׳ אמות – אין דער ראַם – אין וועלכע זיי וועלן באַקומען אַ אידישע ערציאונג.

איי וואָס דאָס איז דאָך פאַרבונדן מיט נאָך מער אַריינלייגן פון דער אייגענער נשמה און פון דער אייגענער האַרציקייט – איז אַ זיכערע זאַך, אַז בשעת מ׳וויל אויספירן דעם אויבערשטנ׳ס אַ שליחות, גיט ער די כוחות, ווי גערעדט פריער ״אנכי ה׳ אלקיך״: ער גיט ״כחך וחיותך״, די אַלע נויטיקע כוחות, אַז מ׳זאָל מצליח זיין ניט נאָר מיט איין תלמיד אָדער תלמידה, אָדער מיט צוויי אָדער מיט דריי, נאָר מצליח זיין מיט ״תלמידים **הרבה**״.

וואָס דערביי דאַרף מען אויך באַוואָרענען אַ דריטע זאַך:

אַז וויבאַלד אַז מ׳האָט די הייליקע שליחות פון דעם אויבערשטן אַליין, אַז מ׳זאָל זען אַריינציען דעם מאַקסימום – די גרעסטע צאָל – תלמידים און מודרכים אין די ד׳ אמות, אין אַזאַ אופן פון חינוך, אַז זיי זאָלן באַקומען אַ חינוך ווי דער אויבערשטער וויל – וועט ער דעמאָלט, אין אָנהויבס ווייניקסטנס, מאַכן **פשרות** – חרוב מאַכן, נאָכגעבן אַ טייל פון אידישקייט, כדי אויך אַריינעמען אָט די קינדער וואָס די עלטערן זיינען נאָך ניט גרייט אויף אָננעמען אידישקייט, וועט ער אָפּנאַרן די קינדער, צי וועט זי אָפּנאַרן חס ושלום די קינדער אָדער די עלטערן, און זאָגן, אַז איצטער איז תורה גענוג אַ טייל, כדי אויף אַריינקריגן די קינדער דערוויילע, און דערנאָך האָפנדיק אַז מיט דער צייט וועט מען קענען עפּעס אין דערויף מתקן זיין און מציל זיין די קינדער –

זאָגט מען אויף דערויף ״ועשו סייג לתורה״:

מ׳קען ניט פאַרלאַנגען ביי עלטערן און ביי אַ קינד ער זאָל גלייך אָנהויבן מקיים-זיין אַלע מצוות ווען ער קומט פון אַזאַ אָרט אָדער פון אַזאַ אומגעבונג וואָס זיינען נאָך ניט גרייט דערצו, (קען ער) איז ער נאָך ניט פעאיג אָנהויבן מיטאַמאָל אַלע זאַכן בבת-אחת,

מ׳דאַרף זיך אָבער היטן, אויף ניט **אָפּנאַרן** אים און זאָגן, אַז תורה האָט זיך געביטן, און דערפאַר האָט זיך אויך געביטן די ערציאונג פון אידישע קינדער, און איצטער איז גענוג אַז מ׳וועט מיט זיי רעדן מערניט ווי וועגן ״**בייסיק׳ס**״, וועגן **יסודות** פון תורה, וועגן עשרת הדברות, ניט דערמאָנענדיק אַז אידישקייט האָט אין זיך נאָך תרי״ג, נאָך זעקס הונדערט און דריי מצוות –

איז חס ושלום צו טאָן אַזוי, ווי מ׳זעט דאָס אויך בפועל: אַז מ׳נאַרט-אָפּ אַ קינד, חס ושלום – פאַרלירט מען דערנאָך זיין גאַנצע אמונה, זיין גאַנצן צוטרוי, און דערנאָך קען מען אויף אים ניט איינווירקן אפילו אין די איינפאַכסטע זאַכן.

בשעת אַ קינד זעט, פאַרקערט, אַז מ׳האָט צו אים דעם צוטרוי, און מ׳זאָגט אים, אַז אויב אפילו ער איז נאָך ניט גרייט מקיים-זיין **אַלע** מצוות וואָס ער דאַרף מקיים-זיין, איז זאָל ער גלייך אָנהויבן מיט די מצוות צו וועלכע ער איז גרייט – וויסנדיק, אַז ס׳איז דאָ **נאָך** מצוות און דערנאָך איז ״מצוה גוררת מצוה״: איין מצוה וועט אים דורכטרעטן די וועג ער זאָל לייכטער צוקומען צו מקיים-זיין נאָך אַ מצוה און נאָך אַ מצוה, ביז ער וועט מקיים-זיין **אַלע** מצוות.

וואָס דערפאַר איז אויך דער דריטער צוזאָג ״ועשו סייג לתורה״, אַז פּונקט אַזוי ווי אַ ״פענס״, אַ מויער, אַ חומה, וואָס מ׳מאַכט אַרום אַ שטאָט און אַרום אַ הויז, איז דאָס כדי אויסצוהיטן, אַז אין דער הויז אָדער אין דער שטאָט זאָל ניט אַריינקומען קיין פיינט, קיין ווינטן וואָס זיי זיינען פיינטלעך צו אַ אידיש קינד און צו אידישקייט, צו אַ אידישע הויז –

אַזוי דאַרף מען ניט חס ושלום עפּעס נאָכגעבן פון אידישקייט און פון דער אידישער הויז, נאָר אדרבא – אַרומרינגלען דאָס מיט אַ ״סייג״, מיט אַ צוגעגעבענעם מויער, אַז דאָס זאָל אויסהיטן דעם קינד, און דורך דערויף – אויסהיטן אויך זיינע עלטערן, און ווי געזאָגט פריער, אַז יעדער קינד איז אַן ״עולם מלא״, דאָס איז אַ גאַנצע וועלט פאַר-זיך – אויסהיטן אַ גאַנצע ״וועלט״, אַז דאָס זאָל זיין אַ וועלט ווי דער אויבערשטער וויל, וואָס דעמאָלט ווערט זי אויך געבענטשט מיט דעם אויבערשטנ׳ס ברכות.

תרגום מילולי זה יו"ל ע"י מערכת מבצע "השיחה היומית" כדי להקל בכך את הבנת השיחה לדוברי לה"ק, ומיועד לקריאה תוך כדי ההאזנה לשיחה. יתכנו טעויות בהבנת כוונת השיחה, בתרגום ובהקלדה. להבנת השיחה כראוי כדאי לעיין בשיחה בשלימותה כפי שנערכה ונדפסה בספרי השיחות וכיו"ב. תרגום זה הוא לשימושך האישי בלבד. אין לשכפלו או להפיצו בלי רשות המערכת.
514-738-7736 dailysicha@gmail.com www.sichos.com

Printed on recycled paper

A Leader in Quality Education

allmychildrendaycare.com